# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ מיטן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת תולדות

חלק ח - פרשת ויקהל

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | ר ע"א | רמ-רמה |
| שני | ר ע"ב | רמה-רנא |
| שלישי | רא ע"א | רנא-רנז |
| רביעי | רא ע"ב | רנז-רסג |
| חמישי | רב ע"א | רסג-רסט |
| שישי | רב ע"ב | רסט-ערה |
| שב"ק | רג ע"א | ערה-רפא |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 106 | פרשת חיי שרה תשפ"ג

## טעמי האיסור להאריך באלף דאחד בקריאת שמע

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה** פירוש **דְּזָכְתָה בְּהוּ בְּכֻלְּהוּ** שזכתה ועשתה מצות ומעשים טובים בכל ימי חייה, **וְלָא כְּתִיב בְּכֻלְּהוּ נְשֵׁי וַיִּהְיוּ חַיֵּי חַוָּה** ולא כתוב בכל הנשים לשון ויהיו חיי חוה, **וְכֵן בְּכֹלָּא** וכן בכל שאר הנשים לא כתוב בהן ויהיו חיי פלונית, **הִיא אִתְדַּבְּקַת בְּחַיִּין** לפי שהיא נתדבקה בחיים עליונים, **וְעַל דָּא דִּילָהּ הֲווֹ חַיִּין** ועל כן החיים שלה היו חיים אמתיים.

**זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּאַזְעִיר גַּרְמֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא** אשרי לו למי שמקטין עצמו בזה העולם, **כַּמָּה אִיהוּ רַב וְעִלָּאָה בְּהַהוּא עָלְמָא** שעי"ז כמה הוא גדול ורם בעולם העליון, **וְהָכִי פָּתַח רַב מְתִיבְתָּא** וכך פתח ואמר הראש ישיבה, **מַאן דְּאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב** מי שמקטין עצמו בעוה"ז הוא גדול בעולם העליון, **מַאן דְּאִיהוּ רַב אִיהוּ זְעֵיר** מי שמחזיק עצמו לגדול בעוה"ז הוא נחשב לקטן בעולם העליון, ונרמז ענין זה במה **דִּכְתִיב וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה וְגוֹ'** פירוש **מֵאָה דְּאִיהוּ חוּשְׁבָּן רַב** מאה שהוא חשבון גדול **כְּתִיב בֵּיהּ שָׁנָה, זְעִירוּ דִּשְׁנִין חַד אַזְעִיר לֵיהּ** למיעוט של שנה אחת המעיט אותו, **שֶׁבַע דְּאִיהוּ חוּשְׁבָּן זְעֵיר** שבע שהוא חשבון קטן, **אַסְגֵּי לֵיהּ וְרַבֵּי לֵיהּ דִּכְתִיב שָׁנִים** הגדיל והרבה אותו דכתיב שנים לשון רבים, **תָּא חֲזֵי דְּלָא רַבֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא לִדְאַזְעִיר** בא וראה שלא הגדיל הקב"ה אלא למי שהמעיט עצמו, **וְלָא אַזְעִיר אֶלָּא לִדְרַבֵּי** ולא הקטין אלא למי שהגדיל עצמו, **זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּאַזְעִיר גַּרְמֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא** אשרי למי שמקטין עצמו בעוה"ז, **כַּמָּה אִיהוּ רַב בְּעִלּוּיָא לְהַהוּא עָלְמָא** ועי"ז כמה הוא גדול במעלה לעולם הבא, ע"כ. (מפרסים)

## אידיש

### די טַעֲמִים פוּנֶעם אִסוּר צוּ מַאֲרִיךְ זַיין אִינֶעם אָלֶף פוּן "אֶחָד" בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעבְּנְסְטֶעג פוּן שָׂרָה, דָאס מֵיינְט אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן הָאט גֶעטוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אַלֶע טֶעג פוּן אִיר לֶעבְּן, אָבֶער בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם לָשׁוֹן "וַיִּהְיוּ חַיֵּי חַוָּה", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעבְּנְסְטֶעג פוּן חַוָּה, אוֹיךְ בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט נִישְׁט "וַיִּהְיוּ חַיֵּי פְּלוֹנִית", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעבְּנְסְטֶעג פוּן דִי אוּן דִי פְרוֹי, עֶרְקְלֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, דָאס אִיז וְוייַבאלְד זִי אִיז בַּאהָאפְּטְן גֶעוָוארְן אִין דִי חַיִּים עֶלְיוֹנִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז אִיר לֶעבְּן גֶעוֶוען דִי אֶמֶת'ע לֶעבְּן.

**וואוּיל** אִיז צוּ דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס אוּן דֶערְהוֹיבְּן אִינֶעם עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעזָאגְט, דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט דֶער אִיז גְרוֹיס אוֹיפְן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ גְרוֹיס אוֹיף דִי וֶועלְט דֶער וֶוערְט גֶערֶעכְנְט פַאר אַ קְלֵיינֶער אוֹיפְן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אוּן דֶער עִנְיָן אִיז מְרֻמָּז אִין דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה וְגוֹ'", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעבְּנְסְטֶעג פוּן שָׂרָה, דָאס הֵייסְט אַז "מֵאָה", הוּנְדֶערְט, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער צָאל, שְׁטֵייט בַּיי דֶעם "שָׁנָה", יָאר, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט עֶס קְלֶענֶער גֶעמַאכְט בִּיז צוּ דֶעם קְלֶענְסְטְן צָאל פוּן אֵיין יָאר, אוּן "שֶׁבַע", זִיבְּן, וָואס דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶער צָאל, הָאט עֶס דֶער פָּסוּק פַארְגְרֶעסֶערְט אוּן פַארְמֶערְט, וַוייל עֶס שְׁטֵייט "שָׁנִים", יָארְן, מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, קוּם אוּן זֶע, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגְרֶעסֶערְט נָאר פַאר דֶער וָואס הָאט זִיךְ קְלֵיין גֶעמַאכְט, וואוּיל אִיז דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר אַזַא גְרוֹיסְן מַעֲלָה אוֹיף עוֹלָם הַבָּא.

**מַאן דְּפָסַק יִתְפְּסַק** מי שפסק יהיה נפסק, וביאור הדברים הוא להלן, **מַאן דְּקָצַר יִתְקַצַּר** מי שקיצר יתקצר, **מַאן דְּקָצַר יִתְאֲרַךְ** מי שקיצר יתארך, ומפרש **רְצוֹנוֹ לוֹמַר מַאן דְּפָסַק מִלִּין דְּאוֹרַיְיתָא עַל מִלִּין בְּטֵלִין יִתְפַּסְקוּן חַיּוֹהִי מֵהַאי עָלְמָא** מי שפוסק מדברי תורה לדבר דברים בטלים יהיו חייו נפסקים מזה העולם, **וְדִינֵיהּ קָיְימָא בְּהַהוּא עָלְמָא** דינו קיים עדיין לדון ולענוש אותו בעולם העליון, **מַאן דְּקָצַר אָמֵן וְלָא מַאֲרִיךְ גּוֹ נַיְיחָא יִתְקַצַּר מֵחַיִּין דְּהַאי עָלְמָא** מי שמקצר בעניית אמן פי' שאומר אמן חטופה וקטופה ולא מאריך בו לאמרו בנחת, יתקצר מחייו של עולם הזה, כי צריך לענות אמן בנעימה ובמתיקות, **מַאן דְּאָמַר אֶחָד אִצְטְרִיךְ לְחָטְפָא אָלֶ"ף וּלְקַצֵּר קְרִיאָה דִילֵיהּ וְלָא יְעַכֵּב בְּהַאי אוֹת כְּלָל** ומי שאומר אחד דקריאת שמע צריך לחטוף באות א' ולקצר קריאה שלה ולא יתעכב באות זו כלל, כדי שלא ישמע כאילו אומר אי חד ח"ו, ולפי הסוד, א' דאחד מורה על אחדות אין סוף ב"ה, ושם אין שום השגה ולא התבוננות, כי לית מחשבה תפיסא ביה כלל, ולכן אסור להאריך ולהתבונן בה, **וּמַאן דְּיַעֲבִיד דָּא יִתְאָרְכוּן חַיּוֹהִי** ומי שיעשה כן יאריך ימים בעולם הזה.

(דף קכב ע"ב בתוספתא, ובביאורינו כרך ג עמ' יא-יג)

## הנשמה דואגת ונעשית אפטרופוס ללמד זכות על הגוף

**רִבִּי יוֹסֵי בֶּן רַבִּי יְהוּדָה, אָזִיל לְמֶיחֱמֵי לְרַבִּי חִיָּיא** ר"י הלך לראות ולבקר את ר' חייא, **אָמַר לֵיהּ לֵימָא מַר** אמר לו ר"י לר"ח יאמר לי מורי, **אִי שָׁמַע הַאי פַּרְשָׁתָא הֵיךְ אָמְרוּ מָארֵי מַתְנִיתָא** אם שמע ביאור פרשה זו של עניני אברהם ושרה איך פירשו בה בעלי המשנה, **דְּפֵרְשׁוּהָ בְּעִנְיָינָא דְּנִשְׁמָתָא** שפירשוה בעניני הנשמה, **אָמַר זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּצַדִּיקַיָּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי** אמר רבי חייא לרבי יוסי אשרי חלקיהם של הצדיקים בעולם הבא, **דְּכָךְ הִיא אוֹרַיְיתָא בְּלִבְּהוֹן כְּמַבּוּעָא רַבָּא דְּמַיָּא** שכך היא התורה בלבם כמעיין גדול של מים, **דְּאַף עַל גַּב דְּמַסְתִּימִין לֵיהּ** שאעפ"י שסותמים אותו, **מִסְּגִיאוּת מַיָּיא פָּתְחֵי מַבּוּעִין דְּנָבְעִין לְכָל עֵיבַר** אבל מרבוי המים נפתחים שוב המעינות ונובעים לכל צד. **תָּא שְׁמַע רַבִּי יוֹסֵי רְחִימָא אַתְּ** בא ושמע ר' יוסי שחביב אתה לי, **אֲנָא אֵימָא לָךְ בְּהַאי פָּרְשָׁתָא**

### אידיש

**דֶער** וָואס הָאט אָפְּגֶעהַאקְט וֶועט וֶוערְן אָפְּגֶעהַאקְט, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וֶועט בַּאלְד עֶרְקְלֶערְן, דֶער וָואס הָאט קוּרְץ גֶעמַאכְט דֶער וֶועט קוּרְץ וֶוערְן, דֶער וָואס הָאט קוּרְץ גֶעמַאכְט וֶועט פַארְלֶענְגֶערְט וֶוערְן, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, דָאס מֵיינְט, דֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה צוּ רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים, וֶועט זַיין לֶעבְּן אָפְּגֶעהַאקְט וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט, און זַיין דִּין בְּלַייבְּט נָאךְ אַלְץ צוּ גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן און בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אוֹיפְן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, וֶוער עֶס אִיז מְקַצֵּר בַּיים עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר עֶנְטְפֶערְט אַ גֶעכַאפְּטֶער אָדֶער אָפְּגֶעהַאקְטֶער אָמֵן, און עֶר אִיז נִישְׁט מַאֲרִיךְ אִין דֶעם, עֶס צוּ זָאגְן שְׁטַאט, דֶער וֶועט קוּרְץ וֶוערְן פוּן זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן אָמֵן זִיס און אַנְגֶענֶעם, און דֶער וָואס זָאגְט "אֶחָד" פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, דֶער דַארְף שְׁנֶעל זָאגְן דֶעם אוֹת א' און מְקַצֵּר זַיין אִיר זָאגְן און זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן בַּיי דֶעם אוֹת, כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט הֶערְן וִוי עֶר זָאגְט חַס וְשָׁלוֹם אִי חַד, און לְפִי הַסּוֹד אִיז דֶער עִנְיָן, וַוייל דֶער א' פוּן אֶחָד וַוייזְט אוֹיפְן אֵיינְצִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, און דָארְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם הַשָּׂגָה און קֵיין שׁוּם הִתְבּוֹנְנוּת, וְוִיבַּאלְד "לֵית מַחֲשָׁבָה תְּפִיסָא בֵּיהּ כְּלָל", דָאס גֶעדַאנְק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קֶען אִים בִּכְלָל נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין אָדֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין אִיר, און דֶער וָואס וֶועט אַזוֹי טוּן וֶועט מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט.

### דִי נְשָׁמָה זָארְגְט און וֶוערְט אַן אַפּוֹטְרוֹפּוֹס צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיפְן גוּף

**רַבִּי** יוֹסֵי דֶער זוּן פוּן רַבִּי יְהוּדָה אִיז גֶעגַאנְגֶען זֶען און בַּאזוּכְן רַבִּי חִיָּיא, הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא, זָאל מִיר מַיין רַבִּי זָאגְן, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם עֶרְקְלֶערוּנְג פוּן אָט דִי פָּרָשָׁה פוּן דִי עִנְיָנִים פוּן אַבְרָהָם און שָׂרָה, וְויאַזוֹי דִי בַּעֲלֵי הַמִּשְׁנָה הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן אִיר עֶרְקְלֶערְט אוֹיף דִי עִנְיָנִים פוּן דִי נְשָׁמָה, הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹסֵי, וואוֹיל אִיז דֶער טֵייל פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, וַוייל אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דִי תּוֹרָה אִין זֵייעֶר הַארְץ אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסְן קְוַואל פוּן וַואסֶער, וָואס אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטָאפְּט עֶס, טוּט זִיךְ עֶס צוּרִיק עֶפֶענֶען און עֶס פְלִיסְט וַואסֶער אוֹיף אַלֶע זַייטְן, צוּלִיבּ דִי פִילֶע וַואסֶערְן וָואס שְׁטְרָאמֶען פוּן אִינֶעוֵוייניג. קוּם און הֶער רַבִּי יוֹסֵי, וָואס דוּ בִּיסְט מִיר בַּאלִיבְּט, און אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַ זַאךְ אִין אָט דִי פָּרָשָׁה, און דָאס אִיז, אַז קֵיינְמָאל

אני אומר לך דבר בפרשה זו, והוא כי **לְעוֹלָם אֵין גּוּף הָאָדָם** אחר הסתלקותו מן העולם **נִכְנָס בְּחֶשְׁבּוֹן הַצַּדִּיקִים עַל יַד דּוּמָה, עַד שֶׁתַּרְאֶה** לו **הַנְּשָׁמָה פִּנְקָס סִימָנָהּ, שֶׁנּוֹתְנִין לָהּ הַכְּרוּבִים בְּגַן עֵדֶן. אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, אֲנָא שְׁמַעְנָא, דְּהָא נִשְׁמָתָא בָּתַר דְּעַיְילַת תַּמָּן** אני שמעתי כי הנשמה אחר שנכנסה כבר בג״ע התחתון, **הִיא אָזְלַת לְסַלְקָא לְאַתְרָהּ לְעֵילָּא** היא הולכת לעלות למקומה למעלה לג״ע העליון, **וְלָא לְמֵיחַת לְתַתָּא** ואין רצונה כבר לרדת למטה, **אֲבָל קוֹדֶם שֶׁתַּעֲלֶה וְתִכָּנֵס** בג״ע, **נַעֲשֵׂית אַפִּטְרוֹפּוֹס הַגּוּף עַל יַד דּוּמָה** ללמד זכות על הגוף, **וּמַרְאָה לוֹ** לדומה **שֶׁרָאוּי הוּא** הגוף **לְקַבֵּל שָׂכָר אַרְבַּע מֵאוֹת עוֹלָמוֹת** שהם עלמין דכסופין כדלקמן, ופי׳ עולמות, אורות נעלמים שהגוף יהנה מהם לעולם הבא, **אָמַר רַבִּי חִיָּיא, הָא רַבִּי אֶלְעָזָר אָמַר, דְּהָא דּוּמָה יָדַע** שהגוף ראוי לקבל ת׳ עלמין דכסופין, **קוֹדֶם** שהנשמה מראה לו סימן, **מִשּׁוּם דְּמַכְרְזֵי עֲלָהּ בְּגִנְתָּא דְעֵדֶן** משום שמכריזים על הנשמה בג״ע, **אֲבָל אֲנָא כָּךְ שְׁמַעְנָא** אבל אני כך שמעתי, **דִּי בְעִדָּנָא דְיָהֲבִין לָהּ פִּנְקָסָא חָזַר עַל גּוּפָא לְאָעִיל לֵיהּ בְּפִתְקָא דְצַדִּיקַיָּא עַל יְדוֹי דְּדוּמָה** כי בשעה שנותנים להנשמה פנקס היא חוזרת ומשתדלת עבור הגוף שיכניסו אותו ע״י דומה בכתב של הצדיקים שבו כתובים אותם שיקומו בתחיית המתים, ועתה חוזר לבאר רבי יוסי ואמר **הָדָא הוּא דִכְתִיב אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי, נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי** ושואל **מַהוּ כֶּסֶף הַשָּׂדֶה** ומפרש **דָּא הוּא כִּסּוּפָא דְּאַרְבַּע מְאוֹת עָלְמִין דְּיָהֲבִין לֵיהּ לְאַחְסָנָא** זהו ארבע מאות עולמות חשוקים וחמודים שנותנים להגוף לרשת להנות מהם לעולם הבא, ור״ל שאברהם הרומז על הנשמה משתדל בענין ארבע מאות שקל כסף שהם הארבע מאות עלמין דכסופין לצורך שדה הרומז על הגוף. (מפרש״ס)

**רַב יוֹסֵף כַּד הֲוָה שָׁמַע פָּרְשָׁתָא דָא מִמָּארֵיהוֹן דִּמְתִיבְתָּא** ר״י כששמע פירוש פרשה זו מבעלי הישיבה, והיינו פירוש הנ״ל, **הֲוָה אָמַר מַאן דְּאִיהוּ עַפְרָא מַאי קָא זָכֵי לְהַאי** היה אומר מי שהוא עפר איך יזכה לזה התענוג של ארבע מאות עלמין דכסופין, **מַאן יִזְכֶּה וּמַאן יָקוּם** מי יזכה ומי יקום להנות באותם העולמות, **הָדָא הוּא דִכְתִיב**

## אידיש

גֵייט נִישְׁט דֶער גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צַדִּיקִים, נָאכְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דוּרְךְ דוּמָה, בִּיז דִי נְשָׁמָה וַוייזְט אִים דֶער בּוּךְ פוּן אִיר סִימָן, וָואס דִי כְּרוּבִים אִין גַּן עֵדֶן גִיבְּן אִיר. הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט, אַז נָאכְדֶעם וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם גַּן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, גֵייט זִי אַרוֹיף צוּ אִיר אָרְט אוֹיבְן צוּם גַּן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן, אוּן זִי ווִיל מֶער נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אוּנְטְן, אָבֶּער אֵיידֶער זִי גֵייט אַרוֹיף אוּן גֵייט אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן, וֶוערְט זִי אַן אַפּוֹטְרוֹפּוֹס אוֹיפְן גוּף בַּיי דוּמָה, צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיפְן גוּף, אוּן זִי וַוייזְט פַאר דוּמָה אַז דֶער גוּף אִיז וֶוערְד צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר דִי פִּיר הוּנְדֶערְט עוֹלָמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט וֶוערְן, אוּן "עוֹלָמוֹת" מֵיינְט מֶען, פַארְהוֹילֶענֶע אוֹרוֹת וָואס דֶער גוּף וֶועט גֶענִיסְן פוּן זֵיי אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט, רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט, אַז דֶער גוּף אִיז וֶוערְד צוּ בַּאקוּמֶען פִּיר הוּנְדֶערְט עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, אֵיידֶער דִי נְשָׁמָה וַוייזְט אִים דֶעם סִימָן, ווִיבַּאלְד מֶען רוּפְט אוֹיס אוֹיף דִי נְשָׁמָה אִין גַּן עֵדֶן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַזוֹי, אַז אִינְדֶערְצַייט וָואס מֶען גִיבְּט פַאר דִי נְשָׁמָה דֶעם בּוּךְ, גֵייט זִי צוּרִיק אוּן אִיז מִשְׁתַּדֵּל פַארְן גוּף אַז מֶען זָאל אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, דוּרְךְ דוּמָה, מִיט דֶעם כְּתַב פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס אִין דֶעם שְׁטֵייעֶן דִי וָואס וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי תְּחִיַּת הַמֵּתִים. יֶעצְט גֵייט רַבִּי יוֹסֵי צוּרִיק צוּ עֶרְקְלֶערְן אוּן עֶר זָאגְט, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי, נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי", נָאר הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיר צוּהֶערְן, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעוָואלְט הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט פַארְן פֶעלְד, נֶעם עֶס פוּן מִיר, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, וָואס מֵיינְט "כֶּסֶף הַשָּׂדֶה", דִי גֶעלְט פַארְן פֶעלְד, אוּן עֶר הָאט עֶרְקְלֶערְט, דָאס זֶענֶען דִי פִּיר הוּנְדֶערְט גְלוּסְטִיגֶע וֶועלְטְן וָואס מֶען גִיבְּט פַארְן גוּף צוּ יַרְשֶׁ'נֶען אוּן גֶענִיסְן פוּן זֵיי אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, אוּן דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם, וָואס עֶר אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי נְשָׁמָה, טוּט מִשְׁתַּדֵּל זַיין אִינֶעם עִנְיַן פוּן דִי אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף, וָואס דָאס זֶענֶען דִי פִּיר הוּנְדֶערְט עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, פַאר דִי שָׂדֶה, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן גוּף.

**וֶוען** רַב יוֹסֵף הָאט גֶעהֶערְט דִי עֶרְקְלֶערוּנְג פוּן דִי פָּרָשָׁה פוּן דִי בַּעֲלֵי הַיְשִׁיבָה, דְּהַיְינוּ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע עֶרְקְלֶערוּנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וִויאַזוֹי קֶען אֵיינֶער וָואס אִיז עֶרְד, זוֹכֶה זַיין צוּ אָט דֶעם תַּעֲנוּג פוּן דִי פִּיר הוּנְדֶערְט גְלוּסְטִיגֶע עוֹלָמוֹת, וֶוער וֶועט זוֹכֶה זַיין אוּן שְׁטֵיין בְּלַייבְּן צוּ גֶענִיסְן אִין אָט דִי וֶועלְטְן, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "מִי יַעֲלֶה בְּהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ", וֶוער קֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן בַּארְג פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוער קֶען

מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' ומי יקום במקום קדשו, דהיינו בעולמות הכסופים, ר"ל שצריכים לזכיות כדי לזכות לכך. אָמַר רַבִּי אַבָּא, תָּא חֲזֵי מַאי דִכְתִיב, וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל עֶפְרוֹן, וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרוֹן אֶת הַכֶּסֶף פירוש דָּא הוּא כִּסּוּפָא רַבְתָא דְאִינּוּן עָלְמִין וְכִסּוּפִין זה הוא חמדה הגדולה ותענוג הגדול של אותם העולמות הנחמדים, אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף פירוש אַרְבַּע מֵאוֹת עוֹלָמוֹת וַהֲנָאוֹת וְכִסּוּפִין. ומש"כ עוֹבֵר לַסּוֹחֵר פירושו רַב נַחְמָן אָמַר, שֶׁיַּעֲבוֹר זה הצדיק כָּל שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם וִירוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה וְאֵין מוֹחֶה בְּיָדֵיהּ (ה"ג), תָּא חֲזֵי מַה כְּתִיב, וְאַחֲרֵי כֵן קָבַר אַבְרָהָם שהוא הנשמה אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ פירוש את הגוף הנקרא שרה, והיינו כדברי ר"ח שהנשמה דואגת שהגוף יהיה וְנִמְנֶה עִם שְׁאָר הַצַּדִּיקִים בַּחֲבוּרָתָם, מִפִּתְקָא דִמְמַנָּא עַל יְדוֹי דְדוּמָה ונמנה בהכתב הממונה על ידי דומה להיות נמנה בין שאר הצדיקים, אָמַר רַבִּי יִצְחָק, הָכִי גְּמִירְנָא כָּל אִינּוּן דִּכְתִיבִין בִּידוֹי דְדוּמָה וּמְמַנָּן עַל יְדוֹי כך למדנו שכל אותם הכתובים בידו של דומה וממונים על ידו, יְקוּמוּן לִזְמְנָא דְזָמִין לְאַחֲיָא דָיְירֵי עַפְרָא יקומו לזמן שעתיד הקב"ה להחיות את שוכני העפר, וַוי לְהוֹן לְרַשִּׁיעַיָּא דְלָא כְתִיבִין עַל יְדוֹי בְּפִתְקָא אוי להם לרשעים שאינם כתובים על ידו בכתב שלו, (דף קכג ע"ב בתוספתא, ובביאורינו כרך ג עמ' טו-יח)

## אידיש

בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אִין זַיין הֵיילִיגְן אָרְט, דָאס מֵיינְט מֶען דִי גְלוּסְטִיגֶע עוֹלָמוֹת, וַוייל מֶען דַארְף הָאבְּן זְכוּתִים כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דֶעם. הָאט רַבִּי אַבָּא גֶעזָאגְט, קוּם אוּן זֶע, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל עֶפְרוֹן, וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרוֹן אֶת הַכֶּסֶף", אוּן אַבְרָהָם הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ עֶפְרוֹן, אוּן אַבְרָהָם הָאט אָפְּגֶעוואוֹיגְן פַאר עֶפְרוֹן דִי גֶעלְט, דָאס אִיז דֶעם גְרוֹיסְן גְלוּסְטִיגְקֵייט אוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּעֲנוּג פוּן אָט דִי גְלוּסְטִיגֶע וֶועלְטְן, "אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף", פִיר הוּנְדֶערְט זִילְבֶּערְנֶע שְׁקָלִים, דָאס מֵיינְט מֶען דִי פִיר הוּנְדֶערְט עוֹלָמוֹת אוּן הֲנָאוֹת אוּן גְלוּסְטִיגְקֵייטְן. אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "עוֹבֵר לַסּוֹחֵר", וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען קֶען הַאנְדְלֶען דֶערְמִיט אִין יֶעדְן אָרְט, וָואס מֵיינְט דָאס, הָאט רַב נַחְמָן גֶעזָאגְט, אַז דֶער צַדִּיק וֶועט דוּרְכְגֵיין אַלֶע שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם אוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה אוּן קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן, קוּם אוּן זֶע, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אֵין פָּסוּק "וְאַחֲרֵי כֵן קָבַר אַבְרָהָם", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אַבְרָהָם בַּאגְרָאבְּן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי נְשָׁמָה, "אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ", זַיין ווייבּ שָׂרָה, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער גּוּף וָואס ווערְט אָנְגֶערוּפְן שָׂרָה, אוּן דָאס אִיז אַזוֹי ווִי דִי ווערְטֶער פוּן רַבִּי חִיָּיא אַז דִי נְשָׁמָה זָארְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער גּוּף זָאל גֶעצֵיילְט ווערְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים אֵין זֵייעֶר חַבוּרָה, אוּן ווערְן גֶעצֵיילְט אִינֶעם כְּתַב פוּנֶעם מְמֻנֶּה, דוּרְךְ דוּמָה, גֶעצֵיילְט צוּ ווערְן צְווִישְׁן דִי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, הָאט רַבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט, אַז אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דוּמָה אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ אִים, ווֶעלְן אוּיפְשְׁטֵיין בַּיי דֶער צַייט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ מַאכְן לֶעבְּן דִי וָואס רוּעֶן אֵין דֶער עֶרְד, ווַיי אִיז צוּ דִי רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי אִים אִין זַיין כְּתַב.

**שבח דא שירתא**

**הרה"ק רַבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זי"ע הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז ווער עֶס וועט לֶערְנֶען אוֹיף אוֹיסְנְווייניג אַן עֲמוּד פוּנֶעם סֵפֶר הַזּוֹהַר, ווֶעט דִי סִטְרָא אַחֲרָא נִישְׁט קֶענֶען גֶעווֶעלְטִיגְן אִין אִים, אוּן עֶר ווֶעט זַיין אַזוֹי ווִי אַן אִישׁ מִלְחָמָה ווֶעלְכֶער הַאלְט אַ שְׁטַארְקֶער פַאנְצֶער וָואס בַּאשִׁיצְט פוּנֶעם פַּיינְט.**

(פלאות רבי פנחס מקאריץ עמ' לו)

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר' יוסף צבי בערנער (In 6.5/4.5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)


קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער (In 7/5)

פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168 www.matokmidvash.com